קרית ברסלב בלעטל
שנה ה׳ נומער 208
פרשת משפטים · תשפ״ד



# איבערבליק פונעם שבת התוועדות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

פרשת בשלח

איבער אל'ץ און אלעמען: באמבו

MOVE SULLIVAN

שטעטל נייעס: שטאטישע שאטל גייט אנהייבן ארומפארן אין שטאטל בעזרת השם

גראמען: אינעם שלאכט פעלד

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

**אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייבצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
**משפטים א' אדר א-תשפ"ד**

הדלקת הנרות ..........05:06
מוצאי שבת ............06:38

מנחה מעריב תרומה.... 06:20



**אלץ און אלעמען**
באמבו
3


**שטעטל נייעס**
שטאטישע שאטל אין קרית ברסלב ליבערטי
4


**געדאנקען**
די איבערגעדרייטע פאטעיטע קוגל
8


**גאסט ארטיקל**
איבערבליק פון שבת התוועדות פרשת בשלח
12


**מיט א טיפערן בליק**
מיין הויז
20


**גראמען**
אינעם שלאכט פעלד
24


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מנחם שטייבנבערג הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**
**צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו**
**וזוגתו פערל חי' תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל שלום זעלקאוויטש הי"ו**
**וזוגתו יענטא ריזל תחי'**
**צו די געבורט פון צווייי אינגלעך למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!



## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation

## Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

גרשון קרעמער



# באמבו

אויף די בקשה פון איינע פון די חשובע ליינער וואס האט געבעטן אויב מיר קענען שרייבן איבער גראז, וועלן מיר באשרייבן אונזער באקאנטע "באמבו" געוויקס וואס איז אונז גוט באקאנט פאר די שיינע שטארקע סכך אויף סוכות, אבער אנדערש ווי עס זעט אונז אויס אויבנאויף איז עס אבער אין פאקט א "גראז" און נישט קיין בוים, די וועג וויאזוי עס וואקסט און וויאזוי די ווארצלען זענען אויסגעשטעלט, איז עס פון די תבואה משפחה, וואס די גראזן זענען איינע פון זיי.

דער באמבו געוויקס איז איינע פון די וואונדערליכסטע געוויקסן אויף דער וועלט, לאמיר זיך אביסל באקענען דערמיט.

באמבו איז פון די שנעלסטע וואקסענדע געוויקסן אויף דער וועלט, די כינעזע "מאסא באמבו ביימער" זענען באוואוסט צו קענען וואקסן אזוי שנעל ווי ביז 3 פיס (א מעטער) אין 24 שעה, אבער אפילו די אנדערע סארטן באמבוס וואקסן אין אלגעמיין מער פון א פוס (30 צענטימעטער) א טאג. נאך גרעסער איז די וואונדער פון אויבערשטן, אז טראצדעם וואס זיי וואקסן אזוי שנעל זענען זיי גאר גאר שטארק און פעסט. און פילע סארטן באמבוס זענען גאר נאך אסאך שטארקער ווי שטאל, און די סארטן ווערן טאקע שטארק באנוצט אויף צו בויען און אזוי אויך פאר מעבל.

באמבו וואקסט בעיקר און ווערט מערסטייל באנוצט אין אזיע ספעציעל אין כינע, יאפאן און אינדיע. מען נוצט עס דארט פאר גאר אסאך צוועקן אריינגערעכנט בויען בנינים, סקעפאלדס (פלאטפארמעס אויף וואס די בויער שטייען ביים בויען הויכע בנינים) פלארס און מעבל, אזוי אויך ווערט עס שטארק באנוצט דורך האלץ שניצער צו מאכן קונצליכע ווערק, מוזיקאלישע אינסטרומענטן, און פילע סארטן ווערן אויך גענוצט צום עסן נאכן גוט אויפקאכן. און די ארימע לענדער קומט עס זייער צוניץ צוליב וואס עס איז אזוי גרינג צו פלאנצן און וואקסט אזוי שנעל און איז נאכאלץ זייער שטארק.

אזוי אויך זענען דא פארשידענע בעלי חיים וואס עסן פרישע באמבו צווייגן, בפרט איז באקאנט די פוילע "פאנדא" בערן, וואס כמעט זייער גאנצע לעבן עסן זיי נאר דאס...

דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין די האלץ פון באמבו א נאטורליכע שוץ קעגן באקטעריעס, וואס מאכט עס זייער פאסיג צו נוצן פאר קיך עסצייג.

דער הייליגער תנא רבי אלעזר בן רבי שמעון - פארציילט די גמרא אין מסכת תענית - איז אמאל געגאנגען שפאצירן נעבן טייך רייטענדיג אויף זיין אייזל, ער איז געווען אויפגעלייגט נאכדעם וואס ער האט זייער אסאך געלערענט, און דאס - זאגט די גמרא - האט אים געברענגט צו גאווה.

דארט האט ער באגעגענט אן אומבאטעמטער מענטש, וואס האט אים באגריסט "שלום עליכם רבי", אבער רבי אלעזר האט אים אנשטאט צוריק גריסן אים געזאגט "אלע מענטש פון דיין שטאט זענען אזוי אומבאטעמט ווי דיר"?

האט דער מענטש געענטפערט, "אויב איך געפעל דיר נישט, האב נישט קיין טענות צו מיר, פרעג דעם אויבערשטן פארוואס ער האט מיר באשאפן אזוי".

רבי אלעזר האט זיך גלייך געכאפט אז ער האט דא געגרייזט, ער איז תיכף אראפגעשפרינגען פונעם אייזל און זיך געבעטן ביי דעם איד "איך האב נישט ריכטיג גערעדט, זיי מיר מוחל", אבער דער איד האט נישט געוואלט, זאגענדיג "איך בין דיר נישט מוחל ביז דו פרעגסט דעם אויבערשטן פארוואס ער האט מיר באשאפן אזוי אומבאטעמט".

אנקומענדיג האבן די מענטשן פון שטאט געזען דער הייליגער תנא רבי אלעזר קומט זענען זיי אלע ארויסגעקומען מקבל פנים זיין דעם צדיק און אים באגריסט "שלום עליך רבי ומורי".

האט זיי דער מענטש געפרעגט, "דער מענטש אונטער מיר רופט עטס 'רבי', אויב דאס הייסט א רבי, דארף מען נישט האבן קיין רבי'ס ביי אידן, און האט פארציילט פארן עולם די שמועס וואס ער האט געהאט מיט רבי אלעזר.

האבן זיי אים געזאגט, כאטש דו ביסט גערעכט, בעטן מיר דיר זאלסט טון לפנים משורת הדין און אים מוחל זיין, ווייל ער איז א גרויסער תלמוד חכם; דער מענטש האט זיך געלאזט איבעררעדן, אבער האט צוגלייגט בתנאי ער זאל פון יעצט זיין אפגעהיטן נישט צו רעדן אזוי".

רבי אלעזר איז תיכף אריין אין בית המדרש און געזאגט, "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם רַךְ כַּקָּנֶה וְאַל יְהֵא קָשֶׁה כָּאֶרֶז". א מענטש דארף זיין ווייעך ווי א גראזל, און נישט הארט ווי א טענענבוים, און האט געזאגט אז דערפאר האט די קנה זוכה געווען אז מען מאכט דערפון די פענעס וואס מען שרייבט דערפון די הייליגע ספרי תורה, תפילין און מזוזות.

א מענטש ווען עס קומט צו זיין כבוד דארף מען זיין ווייעך ווי א גראזעלע און נישט קוקן אויף זיך נאר רעדן שיין, און איבערבעטן, אבער ווען עס קומט צו טון דעם רצון ה' מען דארף גיין צו א צדיק און אים פאלגן, טון אלע תרי"ג מצוות, קען מען נישט זיין ווייעך, דעמאלטס דארף מען זיין ווי א באמבו וואס איז אויך א גראז, און זיך האלטן פעסט, וואס דאס קען מען דערגרייכן דורך תפילה.



# שטעטל נייעס

## שטאטישע שאטל גייט אנהייבן ארומפארן אין שטעטל בעזרת השם

MOVE SULLIVAN
Connecting Our Communities

עס איז נישט קיין סוד פאר די איינוואוינער אין שטעטל אז מען מוטשעט זיך היפש מיט טראנספארטאציע פאר די חשובע פרויען וואס ווילן אנקומען פון איין פלאץ צום צווייטן אבער עס נישטא א גאנצן צייט קיין וועגן.

גלייך ביים אנהייב פונעם גרונדן דעם שטעטל האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער וויל אהערשטעלן א שאטל פאר די איינוואוינער, כדי מען זאל קענען גרינג אנקומען וואו מען דארף.

דער געטרייער חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו האט אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות אין דעם, סיי מיטן זוכן די פאסיגע שאטל, און דערנאך ווען מען האט שוין געדארפט האבן נאך א שאטל האט ער אויך געזען מען זאל טרעפן דעם ריכטיגן שאטל, און סיי מיטן אהערשטעלן די וועג וויאזוי און וואו די שאטל זאל ארומפארן כדי עס זאל זיין די בעסטע פאר אלע איינוואוינער.

ברוך השם אז כהיום איז דאס אהערגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין, עס ארבעט אז מען לאזט וויסן מרת כ"ץ וואו און ווען מען וויל פארן און זי לאזט וויסן אויב דאס איז מסודר.

אין די זעלבע צייט האט מען נאך ווייטער געארבעט צו זען וויאזוי מען קען מאכן בעסער און שענער דאס אנקומען צו אלע פלעצער אין און ארום די שטעטל.

אין איינע פון די טעג איז מען ברוך השם אויפגעקומען מיט א געדאנק אז מען קען אפשר אנהייבן נוצן די סערוויס וואס די שטאט שטעלט צו, וואס טראגט דעם נאמען "move sullivan" וואס זיי זענען געשטעלט פון די שטאט ארומצופארן אין גאנץ סאליוואן קאונטי.

מען האט זיך פארבינדן מיט זיי צו זען אויב זיי קענען אנהייבן צו פארן אין די גאסן פון שטעטל, כדי די איינוואוינער זאלן קענען געניסן פון די סערוויס.

אזוי ווי ביי די שטאטישע אינסטאנצן נעמט אלעס אסאך לענגער, האט מען געערעדט צו זיי אהין און צוריק פאר א לענגערע צייט, און נאך אסאך תפילות קען מען שוין מעלדן די גוטע בשורה אז זיי זענען גרייט צו צולייגן נאך שאטל באסעס ספעציעל פאר די גאסן אין שטעטל. עס איז אויסגעארבעט געווארן א פונקטליכע מאפע וואו זיי גייען פארן אין שטעטל אויפנעמען מענטשן, און וואו עס גייט סטאפן.

עס הייסט אז דאס וועט אריינגיין אין קראפט דעם קומענדיגן חודש, פאר מער פונקטליכע דעטאלן און אזוי אויך ווען עס גייט זיין מער נייעס איבער דעם וועט מען עס לאזן וויסן אם ירצה השם.

די ביז יעצטיגע שאטל וועט אם ירצה השם ווייטער זיין גרייט ארומצופירן וואו מען דארף, נאר די שטאטישע שאטל וועט צולייגן מער אפציעס אנצוקומען וואו מען דארף.

ביי דעם געלעגנהייט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר די חשובע הנהלה וואס דער ראש ישיבה האט געשטעלט, וואס לייגן אריין כוחות אין יעדן פרט אינעם שטעטל, אז עס זאל זיין דאס בעסטע פאר אלע חשובע איינוואוינער, ובפרט טוען מיר זיך באדאנקען פאר מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו וואס האט געארבעט דערויף גאר לאנג און אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות עס זאל צושטאנד קומען, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס. בייגעלייגט איז די מאפע.

| Shuttles 5 days per week | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| DRAFT Liberty Shuttle | | | | | |
| Liberty Main Bus Stop | 10:00 | 11:00 | 12:00 | 1:00 | 5:30 |
| Queen Mountain 8 Min | 10:08 | 11:08 | 12:08 | 1:08 | 5:38 |
| Radcliff 2 min | 10:10 | 11:10 | 12:10 | 1:10 | 5:40 |
| E Mongaup 5 min | 10:15 | 11:15 | 12:15 | 1:15 | 5:45 |
| Huschke 3min | 10:18 | 11:18 | 12:18 | 1:18 | 5:48 |
| Steiglitz 5 min | 10:23 | 11:23 | 12:23 | 1:23 | 5:53 |
| Old Monticello 2 min | 10:25 | 11:25 | 12:25 | 1:25 | 5:55 |
| Twin Bridge 3 min | 10:28 | 11:28 | 12:28 | 1:28 | 5:58 |
| Shoprite 5 min | 10:33 | 11:33 | 12:33 | 1:33 | 6:03 |
| Trading Post 1 min | 10:34 | 11:34 | 12:34 | 1:34 | 6:04 |
| Golden Park 2 min | 10:36 | 11:36 | 12:36 | 1:36 | 6:06 |
| Oberferst St/Darbee Ln 5 min | 10:41 | 11:41 | 12:41 | 1:41 | 6:11 |
| Grant St/ Dwyer Ave 3 min | 10:44 | 11:44 | 12:44 | 1:44 | 6:14 |
| Libety North Main 2 min | 10:46 | 11:46 | 12:46 | 1:46 | 6:16 |
| Liberty Market 2 min | 10:48 | 11:48 | 12:48 | 1:48 | 6:18 |
| Liberty Library 2 min | 10:50 | 11:50 | 12:50 | 1:50 | 6:20 |
| Liberty Main Bus Stop 2 min | 10:52 | 11:52 | 12:52 | 1:52 | 6:22 |

## געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# די איבערגעדרייטע פאטעיטע קוגל

די סיבה פארוואס א טייל מענטשן ווערן נערוועז ווען די ברסלב'ע חברה הייבן אן צו רעדן פון די וויכטיגקייט פון שלום בית איז, ווייל מענטשן ווייסן פשוט נישט וואס איז שלום בית, און וואס ווילן די ברסלב'ע חברה ווען זיי רעדן יעדע מינוט פון שלום בית.

מענטשן מיינען אז די ווארט שלום בית איז געמאכט ווען מ'וויל ווייסן אויב די שטוב איז פראבלעמאטיש אדער נישט. וואס טוט זיך ביי משה בוידעמאוויטש? ס'איז נישט מסודר דארט מיט די שלום בית, מ'קריגט זיך כסדר ארום.

דאס איז "נישט" די טייטש פון שלום בית (איך רעד יעצט לויט די ערליכע אידן, איך רעד נישט לויט מענטשן וואס עסן מצה אום פסח ווייל די גאנצע "קאמיוניטי" וואו ער איז געבוירן עסט היינט מצה, איך רעד דוקא פון מענטשן וואס לעבן מיט יראת שמים, מענטשן וואס טראכטן אז דער אייבערשטער איז דא און ער קוקט אויף מיר יעדע מינוט).

שלום בית מיינט נישט צו מ'קריגט זיך, אדער נישט.

שלום בית ביי ערליכע אידן מיינט, אז א מענטש איז קאנווינסד אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן די בעסטע ווייב, וואס איז די בעסטע פאר אים.

א מענטש וואס לעבט מיט אמונה, לעבט מיט א צדיק, רעדט צום אייבערשטן יעדע זאך, האלט אז אלע זיינע זאכן איז די בעסטע פאר אים, זיין דזשאב, זיין קאר, זיין שול, זיין מקוה, זיין האנטוך אין מקוה, זיין קאווע שטיבל, בשבילי נברא העולם, דער אייבערשטער זארגט איך זאל האבן די בעסטע אין יעדן הינזיכט.





דאס מיינט נישט אז ס'דרוקט אים גארנישט, אדרבה, דער וואס רעדט צום אייבערשטן האט אסאך זאכן וואס דרוקט אים, אבער זיין מח איז קלאר, וואס איז די פראבלעם, און וואס איז די סאלושן.

די סאלושן איז נישט די געלט, די סאלושן איז רעדן צום אייבערשטן.



וואלווי דרייט זיך ארום אן א קאפ, היינט איז דער ערשטער, מ'דארף צאלן רענט, דריי אלפים, ער קראצט צאם אלע זיינע חשבונות, ס'ליגט שוין אין די ענוועלאופ אכט און צוואנציג הונדערט, ער האט א פראבלעם, זיין פראבלעם איז אז ס'פעלט אים צוויי מאות צו די רענט. ס'ווערט





## ביי די ברכה פון פרנסה, געבט ער א טיפן קרעכץ



אים קאלעמוטנע אויפ'ן הארצן, זיין שטערן כאפט אריין נאך עטליכע קנייטשן, זיינע אויגן ווערן עטוואס פארטונקלט, פארוואס מיינע חברים באדן זיך אין געלט, און איך מוטשע זיך אויף בעיסיקס?!

נאך א מזל אז יעצט איז האלבער ניינע, ער מוז גיין צו זיין חברותא, אינאיינוועגס וועט ער זיך פטר'ן פון לייגן שלאפן די פיצקעלעך, זאל די ווייב זיי לייגן שלאפן, ער וויל נישט חלילה זיין ווייב זאל זיין bored.

נאך א שעה צייט מיט זיין באליבטע חברותא, און זיך ווארנטשן א גוטע נאכט און אז מארגן גייט מען געהעריג לערנען, געגנט געווען מיט די צייט פארפאטשקערייען, גייט ער אין זייטיגן שטיבל וואו מ'דאווענט מעריב.

אינמיטן די שטילע שמונה עשרה, ביי די ברכה פון פרנסה, געבט ער א טיפן קרעכץ. ביי שמע קולינו, פארלאזט ער זיך בדוחק אויף דעם וואס ער האט אמאל געהערט פון א דיעה זאגער (יעדן חול המועד געט דער דיעה זאגער א שיעור איבער די גרויסקייט פון די שטיינער פון סמבטיון, און נאך זאכן וואס העלפט נישט אין לעבן), אז ביי שמע קולינו מעג מען זאגן עטליכע ווערטער אויף אידיש (ער וויל נישט רעדן צו סאך אויף אידיש, למיחש מיהא בעי, אפשר די לשון הרע וואס מ'רעדט אויף די ברסלב'ע האט עפעס אין זיך).

ס'האט אים גוט געדרוקט, ער קען שוין נישט נעמען די דחקות, ער קען נישט פארנעמען דאס נישט האבן די גאנצע רענט ווי א מענטש, מאין יבא עזרי. ביי עלינו לשבח זעט ער ס'קומט אריין א ברסלב'ער מפיץ מיט עצתו אמונה און נאך קונטרסים. ער האט אפילו נישט געטראכט צו נעמען א קונטרס, ווייל זיין גוטער געטרייער נאנטער חבר וועט אפשר חוזק מאכן. ער זעצט זיך אראפ אויפ'ן באנק און הייבט אן קלאצן אין חלל אריין, ער קען נישט אויפהערן טראכטן פון זיין געדרוקטן מצב, פארוואס יעדער האט געלט, נאר איך נישט?!

אינמיטן קלאצן הייבט ער אן זען אז דער שול איז שוין ליידיג, די לעקטער האלב פארלאשן, דער ברסלב'ער מפיץ נעמט זיין זעקל און גייט ארויס פון שול, אויפ'ן וועג ארויס ווייזט אים דער ברסלב'ער די עצתו אמונה, אפשר ווילט איר געבן צדקה? אה צדקה יא! צדקה זיכער! אבער איך נעם נישט די ספרים, איך האב גענוג שמות. געבט עס פאר צווייטן, געבט עס פאר די וואס דארפן עס.

ער געבט אים א פינעווער, אפשר דאך די צדקה וועט עפעס אויסמאכן אין הימל, א ברסלב'ער מעג מען אויך העלפן, א ברסלב'ער מעג אויך שבת מאכן, וואס איז נעבעך זיין ווייב און קינדער שולדיג אז דער טאטע האט זיך אנגעקלעבט אין ברסלב.....






דער ברסלב'ער מפיץ באדאנקט זיך פאר'ן פינאווער, און פרעגט אים אזוי תמ'ווואטעדיג, אפשר ווילט איר א שיינע ספר? שוין, די שול איז טונקל, ס'איז קיינער נישט דא, לאמיך עס נעמען, just for the fun of it.

ער געבט עס א מאך אויף און זעט א בריוו אזוי:

ווי מער מען נעמט אריין אמונה, אלץ מער פרנסה האט מען. אזוי ווי דער רבי זאגט (שם): "כי פרנסה בנקל תולה בדעת", גרינג פרנסה קומט פון דעת, פון וויסן אז אלעס איז דער אייבערשטער און גארנישט אויף די וועלט פאסירט פון זיך אליין, אלעס איז פון אים, און אז מען האט נישט קיין דעת, מען לעבט אָן אמונה, דארף מען שווער ארבעטן. אזוי ווי דער זוהר זאגט (פרשת בשלח, סג.) אויפן פסוק (במדבר יא, ח): "'שָׁטוּ הָעָם וְלָקְטוּ', בְּשְׁטוּתָא", דאס מוטשען זיך איז פון 'שטותא', פון פארגעסן פונעם אייבערשטן. אשרינו מה טוב חלקינו טויזנט מאל אז מיר האבן אזא רבי' וואס לערנט אונז אמונה, ער לערנט אונז צו וויסן אז אלעס איז דער אייבערשטער, און נאר צו אים דארף מען זיך ווענדן. (יום ה' פרשת תולדות, ג' כסליו, שנת תשפ"ד)

ער קוקט ווייטער, ס'שטייט אזוי:

טייערער ליבער ברודער, שריי און שריי: "הייליגער באשעפער, נעם מיך ארויס פון מיין קטנות הדעת, אייבערשטער האב אויף מיר רחמנות, מאך מיך פרייליך, מאך מיך לעבעדיג, פריש מיך אויף, וועק מיך אויף". ברודער, מיך מוטשעט מען אויך. רבי נתן שרייבט פאר זיין זון: "מען מוטשעט איטליכן, מיך אויך"; איך טו דאס, איך גיי נאכאמאל און נאכאמאל צום אייבערשטן, איך שריי די ווערטער הנ"ל. (ערב שבת קודש פרשת וישלח, י"ח כסליו, שנת תשפ"ד).

וויאזוי ווייסט דער ספר וואס איך גיי יעצט אדורך? ער גייט עס פרובירן, ער גייט טון די funny זאך פון זאגן א תפלה אויף אידיש, "באשעפער שיק מיר געלט אויף רענט" ער פילט אביסל בעסער, ער פילט אז קיין אנדערע עצה איז נישט דא פאר אים.

מארגן האט מען אים געזאגט אין ארבעט אז ס'איז געווען א טעות אין די חשבון, מ'איז אים שולדיג א טויזנטער, און מ'האט עס אים געגעבן גלייך אויפ'ן פלאץ.

וואלווי האט אנגעהויבן פרובירן זאגן משניות, זיין פרנסה האט זיך פארבעסערט, ער איז א נייער מענטש. ער בעט דעם אייבערשטן



אויף אידיש אלע זיינע זאכן.

ווען סתם א מענטש קוקט אויף וואלווי, וואלט ער געזאגט אזוי, וואלווי האט געהאט א פראבלעם אז ס'האט געפעלט געלט אויף רענט, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן, און ער איז געהאלפן געווארן פון זיין פראבלעם.

ס'איז דא אבער וואס קוקן עס אן אביסל אנדערש, וואלווי האט געהאט א פראבלעם אז ער האט נישט גערעדט צום אייבערשטן, האט אים דער אייבערשטער געהאלפן אז ס'האט געפעלט צוויי הונדערט דאלער, און דורך דעם איז ער געהאלפן געווארן אז ער איז געווארן מקורב צו די וועג פון רעדן צום אייבערשטן.

מיט דעם פארשטייט מען בעסער די גאנצע זאך וואס איז בכלל שלום בית. יעדע זאך פון דיין שלום בית וואס דו ווילסט אז ס'זאל זיך טוישן, דאס איז געמאכט אז עס זאל דיך ברענגען צו רעדן צום אייבערשטן. א מענטש וואס זעט נאך די מינדעסטע חסרון אויף זיין ווייב, ער איז נאך אין די פראבלעם פון נישט לעבן מיטן אייבערשטן, ווען ער וועט געהאלפן ווערן און רעדן צום אייבערשטן אלעס וואס ליגט אים אויפן הארץ, וועט ער אנקומען צו די גן עדן לעבן וואס ביי די ברסלב'ע הייסט עס "שלום בית" "מיין ווייב איז א מתנה פון דעם אייבערשטן" "מ'ברענגט אריין דעם אייבערשטן אין שטוב" "אויב מיין ווייב טוט עפעס אנדערש ווי איך וויל, איז א סימן אז איך האב נישט גענוג גערעדט

**וואלווי האט אנגעהויבן פרובירן זאגן משניות, זיין פרנסה האט זיך פארבעסערט**





צום אייבערשטן".

עס איז נישט מעגליך צו האבן א עכטע שלום בית, נאר אז מ'רעדט צום אייבערשטן. עס איז נישט מעגליך צו האבן די עכטע שלום בית נאר אז מ'זאגט משניות, ווייל צווי מענטשן מוזן טראכט אנדערש, און נאר די משניות געבט די כוחות הנפש צו קענען דולדן ווען א צווייטער טראכט פונקט פארקערט ווי איך.

א שטוב וואו מ'קריגט זיך נישט בפועל, איז נאכנישט מוכרח אז ער דאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט א ווייב וואס וואשט זיינע וועש, נאכנישט מוכרח אז ער קוקט אויף זיין ווייב מיט חשיבות, ס'קען נאך זיין אז שטילערהייט אין הארץ קוקט ער אויף זיין ווייב מיט א ביליגקייט, ס'איז נאכנישט מוכרח אז די שטוב איז געבויט אויף אמונה אז דער אייבערשטער איז בעל הבית אויף אונז ביידע. אזא שטוב קען נאך חס ושלום זיך דערזען אין א מצב וואו איינער גרויסט זיך אויפ'ן צווייטן, וואו איינער האלט אז עכט קומט מיר א בעסערע ווייב / מאן לויט מיינע מעכטיגע טאלאנטן, אבער איך בין געבינדן, ס'איז א סיטשועישן וואס מ'קען נישט טוישן. אך און וויי אז א מאן און ווייב מיינען אז א בדוחק'דיגע לעבן הייסט שלום בית. דאס איז פאלש. אז א מענטש פילט זיך אין א בדוחק'דיגע שלום בית, מיינט דאס אז ער האלט אז איינער קומט אים עפעס. ער איז נישט אינגאנצן איינגעבויגן צו די רצון השם. און אז מ'איז נישט איינגעבויגן צו די רצון השם, מוז מען ווערן נערוועז איינער פון דעם צווייטן. פון דרויסן ווייסט נישט קיינער אז דא איז פול מיט אנגעגעסנקייט. מ'מיינט אז דא איז דא שלום בית, ווייל לפנים שפילן זיי דעם ריכטיגן שפיל, אבער דאס איז נישט ווי א אידישע שטוב דארף זיך פירן. און ווען מ'קומט אין די יארן פון פערציג, פופציג זעכציג, האט מען שוין נישט קיין כח צו שפילן דעם אנגעשטעלטן שפיל, מ'הייבט אן צו זען אז דא ווערט איינער נערוועז פון דעם צווייטן. און ס'איז גרויסע בזיונות.

**פון דרויסן ווייסט נישט קיינער אז דא איז פול מיט אנגעגעסנקייט**

די עכטע שלום בית מיינט אז מ'קוקט אויף יענעמס מעלות און נישט אויף יענעמס חסרונות, יעדער מענטש האט מעלות, און אויף דעם דארף מען פאקוס'ן.

די עכטע שלום בית איז אז מ'קוקט אויפן צווייטן מיט א לימוד זכות, אזוי ווי איך האב א זכות אויף מיר, בין איך מחויב צו זען א זכות אויף מיין ווייב.

ווען איך בין דער וואס האט אויסגעגאסן די פישזאפט, האב איך א גאנצע טרעילער מיט תירוצים, די פיש איז שולדיג, די טעלער איז שולדיג, די גאפל איז שולדיג, די זאפט איז שולדיג, ס'איז צו פארגליווערט, צו רינעדיג, צו קאטשאניא'דיג, דער פישכאפער איז שולדיג, יעדער איז שולדיג, נאר נישט איך. פארוואס נישט האבן איין גוטע תירוץ ווען די ווייב איז דער וואס האט איבערגעדרייט די רויע פאטעיטע קוגל?!

די עכטע שלום בית מיינט אז קיינער קומט מיר גארנישט, איך בין א קליינע מורישקע אין די גרויסע בריאה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן.

ווער איז בעל הבית אין שטוב? דער מאן? ניין. די ווייב? ניין. דער אייבערשטער איז בעל הבית! ביידע בייגן זיך איין ווייל דער אייבערשטער איז דא.



# "מעשיות פון תפילה"

### ישראל דוד ברוקמאן - בני ברק:

איך האב געהאלטן אינמיטן צאמשטעלן א בעט וואס איז נארוואס אנגעקומען ביי מיר אינדערהיים, אינמיטן צאמשטעלן איז מיר פארלוירן געווארן איינס פון די טולס, איך האב נישט געקענט ווייטער צאמשטעלן די ארבעט אן דעם טולס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען טרעפן כדי צו קענען ווייטער ממשיך זיין מיט די ארבעט, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן ליגן אינטערן בעט.

א גרויסן שכח פארן רייכן בלעטל יעדע וואך פונדאסניי. און ספעציעל א גרויסן שכח פארן מפיצים פאנעל וואס דאס גיבט זייער שטארק חיזוק פאר הפצה.

### זלמן וויזל - בראכפעלד:

איך האב געוואלט פארן צום ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל דאנערשטאג פַארן יארצייט. למעשה האט דער אייבערשטער געפירט אז מ'האט נישט געטראפן א וועג.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען פארן, איך זאל יא האבן א וועג.

שכח אייבערשטער אז מוצאי שבת האט מען מסדר געווען א נסיעה פון בית המדרש היכל הקודש בראכפעלד.

### אלחנן זויבערמאן - צפת:

1. איך בין געפארן מיט מיין ווייב צו מוהרא"ש'ס ציון לכבוד מיין געבורטס טאג. אנפאנג איז אלעס געגאנגען כשורה, מ'איז געפארן און אנגעקומען. אויף האב איך ארייגעכאפט צו קויפן קונטרסים אינעם בית הדפוס, און דערנאך איז מען ארויפגעפארן צום בית החיים. ווען אינמיטן בין איך שיעור צאמגעפאלן... כ'האב מיך גלייך ערגעץ אנגעכאפט און פראבירט בלייבן שטיין, כ'האב כמעט גע'חלש'ט.

אויף אלע פיר בין איך אריינגעקראכן אין אוהל, און אנידערגעפאלן אויפן ערשטן בענקל וואס איך האב געזען. כ'האב פארשטאנען אז דאס מאל לאזט נישט דער סמ"ך מ"ם צוגיין צום הייליגן ציון, האב איך געוויינט צום אייבערשטן אז איך וויל אנקומען צום ציון, געבן א קוש, זאגן תיקון הכללי און זיך אביסל בעטן און מתבודד זיין.

כ'האב קוים קוים געקענט אטעמען אבער שכח אייבערשטער אז כ'האב מצליח געווען האלב ליגנדיג אויסזאגן גאנץ תיקון הכללי און אויך א קוש געבן און זיך מתבודד זיין.

ביים ענדיגן בין איך ארויס געגאנגען פון אוהל צום קאר, און שוין... איך פיל מיך גוט ווי געווענליך... שכח אייבערשטער אז איך האב צעבראכן די קליפה און געקענט אנקומען צו מוהרא"ש לכבוד די יום הולדת.

2. אויפן וועג צוריק קלינגט מיר א אינגערמאן וואס איז ארויס געפארן אפאר מינוט פאר מיר, און האט מיר געזאגט אז ס'איז דא פאליציי ערגעץ אויפן וועג ביי א קליינעם ראוד, וואס האלט אפ יעדע קאר און טשעקט אויס לייסענס, סיטעבעלטס און אינשורענס און אזוי ווייטער.

נישט אז איך האב מורא פון זיי, צום ערשט ווייל דער אייבערשטער פירט די וועלט. און שוין! אן קיין צום צווייט...

מיין קאר איז ברוך השם אלעס גוט, און כל אשר לי איז פיין בס"ה, אבער צוויי אזייגער ביינאכט איז נישט די צייט צו אויפוועקן מיין ווייב און שטיין אינדרויסן אין די קעלט, בשעת זיי גייען טון זייערע זאכן.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן אוועקגיין פון דארט, שכח אייבערשטער אז ווען איך בין אנגעקומען אהין זענען זיי שוין נישט געשטאנען דארט.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן מֶען דַארְף אַוֶועק גֶעבְּן רוֹב טָאג צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, דָאךְ קֶען מֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ אִיד צִי עֶר לֶערְנְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֶעקְל צַייט, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג מִיט זַיין אַרְבֶּעט. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַ גַאנְצֶע טָאג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קוֹבֵעַ זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען, דָאךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַרוֹיס צוּ כַאפְּן צַייט צוּ לֶערְנֶען"; דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת לא.) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: "**קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?**" צִי עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבֶ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל '**קֶבַע**' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן '**גְּזֵלָה**', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "**וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ**"; מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: 'קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?' הָאסְט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט פוּן דַיין פַארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט פַאר תּוֹרָה? (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפד).

דֶערְפַאר טַייעֶרֶע בְּרוּדֶער, **נֶעם דִיר מִיט אַ זֶעקְל סְפָרִים**; אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא, אַ תְּהִלִּים, אוּן אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַפָּאר מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט פַאר דִיר, חֲטוֹף וֶאֱכוֹל, כַאפּ אַרַיין אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְּמָרָא; דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד - עֶר פַארְבְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין צַייט, נָאר עֶר פִּילְט אָן זַיין טָאג מִיט גוּטְ'ס. אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ אַ יְרִיד מִיט זַיין סְחוֹרָה עֶס צוּ פַארְקוֹיפְן, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ פָארְן, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַ דֶעכְל אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים, אִינְמִיטְן אִיז רֶבִּי נָתָן אַרִיבֶּער גֶעפָארְן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד זִיצְט דָארְט אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים מִיט אַ חַיוּת, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק. שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְצֵיילְט: "**אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט אַז עֶס רֶעגְנְט, וַוייל אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן הָאט עֶר גֶעקֶענְט לֶערְנֶען**".

עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ מְקוּרָב בַּיי רֶבִּי נָתָן אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען מְקוּרָב בַּיים רָב וָואס הָאט חוֹלֵק גֶעוֶוען אוֹיף רֶבִּי נָתָן. דֶער אָרִימַאן וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן'ס חוֹלֵק הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר זַיין חַבֵר, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן: "**דוּ בַּאקוּמְסְט מֶער וִויפִיל אִיךְ בַּאקוּם פוּן מַיין רֶבִּי'ן**; וַוייל אִיךְ גֵיי צוּ מַיין רֶבִּי אוּן אִיךְ קְרֶעכְץ זִיךְ אוֹיס פַאר אִים אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אוּן מִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל עֶס פֶעלְט מִיר, אוּן מַיין רֶבִּי גֶעבְּט מִיר הַאלְבּ וִויפִיל אִיךְ דַארְף, אוּן וֶוען אִיךְ גֵיי אַהֵיים פֶעלְט מִיר נָאךְ אַ הַאלְבּ, אָבֶער וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ דַיין רֶבִּי'ן לֵייגְט עֶר אַרַיין אִין דִיר אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַז דוּ זֶעסְט אַז עֶס פֶעלְט דִיר גָארְנִישְׁט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ הָאסְט מֶער פוּן מִיר".

דֶערְפַאר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן זֶע אַרַיין צוּ כַאפְּן אַבִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס וֶועט דִיר בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## שמירת עינים

**אין א שמועס איבער זיך היטן די אויגן האט דער ראש ישיבה געזאגט:** עס איז דא מענטשן וואס זיי זענען נעבעך אזוי קראנק אז זיי קענען שטיין שעות אויף שעות און אריין קוקן אין א שפאלט פון א פענסטער ביי א צווייטן הויז, אפשר וועט ער עפעס זען; דאס איז ממש א קראנקהייט וואס מען קען נישט ארויסקריכן פון דעם נאר דורך אסאך תפילה און בכיות צום אייבערשטן.

מוהרא"ש האט פארציילט אז אמאל איז אן אלטער איד געקומען וויינען צו מוהרא"ש אז ער ליידט אויף דעם מחלה רחמנא לצלן, ער שטייט און קוקט אריין ביי מענטשן אין זייער שטוב, אלץ ווייל ער טראכט אז אפשר וועל איך קענען עפעס זען. ער האט געבעטן מוהרא"ש אז מוהרא"ש זאל שרייבן א קונטרס אויף דעם, און ער וויל עס באצאלן, ער האט אראפ געלייגט די געלט און ארויס געגאנגען.

מוהרא"ש האט אנגעפאנגען צו וויינען צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, דער איד האט מיר געגעבן געלט צו דרוקן א ספר אויף שמירת עינים, פון וואו זאל איך נעמען אזא ספר?!" דער אייבערשטער האט אריין געשיינט פאר מוהרא"ש וואס צו טון, און מוהרא"ש האט געשריבן דעם ספר 'העין רואה'.

מוהרא"ש האט פארציילט יארן נאכדעם אז דער מעשה גייט אים נישט ארויס פון קאפ; 'איך האב געזען אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו שמירת עינים ביזן לעצטן טאג אין לעבן'.

(מכתב א' משפטים תשע"ז)

באנוס ארטיקל



### א איבערבליק פונעם

# שבת התוועדות

ישראל דוד העסקעל

**וויפיל** תפילות האב איך אריינגעלייגט אז איך זאל קענען זוכה זיין צו קענען קומען צום שבת התוועדות זיך אנשעפן מיט חיזוק און עצות פאר א גאנץ יאר פאר מיך און פאר מיין משפחה.

שכח אייבערשטער אז פאראיאר ביים אנשי חיל קאמפיין האט מיך דער אייבערשטער געהאלפן אז איך האב געקענט ערייכן מיין ציל און אריינברענגען פאר די מוסדות מער פון צוויי טויזנט זעקס הונדערט דאללער, וואס האט מיך געגעבן דעם זכות פון קומען צום שבת.

ס'איז געווען גאר א ווייטע חלום פאר מיך אז איך וועל טאקע קענען דאס באווייזן און אנקומען צום שבת, אבער תפילה איז דאך גרעסער פון אלעס, און איך מיין אז איך האב נישט פארפאסט א טאג וואס איך זאל נישט בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו קענען זיין ביים שבת התאחדות.

ס'איז געווען שוין עטליכע וואכן נאך סוכות, איך האב נישט אויפגעהערט בעטן אז איך זאל קענען אנקומען, איך



האב געהאלטן גראד נאכן באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן א מיידעלע און מיין טעלעפאן קלינגט...

העללאו?!

יא רפאל פורסט רעדט, איך זע דא דיין נאמען אויפן ליסט אז דו האסט געשאפן גענוג געלט צו קענען קומען אויפן שבת איך העלף דא אביסל אין אפיס מסדר זיין די שטיבער...

לאמיר דיר פרעגן - דו טראכסט פון קומען?

אן צעגערן ענטפער איך גראד יא!

יא? אמת'דיג? זייער שיין. קלינג אריין די אפיס פון די שבת און מאך זיכער צו רעזערווירן א צימער זאגט מיר רפאל... מיר ענדיגן דעם טעלעפאן מיט כל טוב מיר וועלן זיין בקשר, זיי געבענטשט!




מיין הארץ האט אזוי אנגעהויבן צו קלאפן, וואו קום איך אן צום שבת? אזא נסיעה מיט א משפחה מיט דריי קינדער קאסט א שיין ביסל... און איך האב יעצט געהאט דא א ניי געבוירן בעיבי, ווי קענען מיר יעצט פלאנען פאר א משפחה נסיעה אין בלויז אפאר וואכן ארום?

אבער איך האב נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם אייבערשטן אז עם כל זאת איך וויל יא זוכה זיין צו קענען אנקומען אויפן שבת.

דער אייבערשטער האט טאקע געפירט אז פלוצלינג בין איך געווארן געוואר די גאר פרייליכע בשורה אז איך קען קומען וואוינען אין שטעטל, וואס אזוי ארום איז שוין אויך צושטאנד געקומען אז איך האב געקענט האבן די געוואלדיגע זכיה מוטצוהאלטן דעם הערליכן שבת התוועדות.

גאר שווערע מניעות האבן מיר געדארפט דורכברעכן ביז איך האב זיך געזען אריינפארן אין עקזיט 107 אויפן בארג ארויף צום ראלי האטעל אבער מיט תפילה קען מען איבעראל אנקומען!

ס'איז נישט שייך בכלל צו קענען אראפשרייבן די געפילן פון דעמאלט ווען איך שטיי מיט צוויי וועגעלעך ביים טראנק פון קאר און איך פאק אויס אלע פעקלעך, איך בין דא מיט מיין משפחה שכח אייבערשטער!

איך וועל פרובירן אראפצושרייבן ממש ראשי פרקים פונעם הערליכן שבת, זאכן וואס איך האב ארויסגענומען פונעם שבת דא און דארט.

איך בין אנגעקומען די זעלבע צייט בערך ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען. אזוי ווי מיין קליינער האט געזען דער ראש ישיבה איז ער גראד צוגעלאפן צום ראש ישיבה, דער ראש ישיבה האט אים מיט א שמייכל געגעבן א ווארימע שלום עליכם!

ס'איז שפעט פרייטאג, מיר האבן זיך מסדר געווען אין אונזער צימער, און שנעל געגאנגען עסן טועמיה, געלאפן אין מקוה, און מ'גייט שוין אין שול.

ביי מנחה האב איך הנאה געהאט צו זען ווי דער ראש ישיבה האט געגעבן נאש פאר די קינדער, זיי צו מאכן זיצן נעבן אים און וועלן מיטדאווענען און ענטפערן אמן, אויך האט דער ראש ישיבה געגעבן פאר מיינע קינדער וואס זענען געזעסן דערנעבן.

פאר קבלת שבת האבן מיר געהאט די זכיה צו קענען הערן אפאר ווערטער פון דער ראש ישיבה וואס האט גערעדט פון די גרויסקייט פון פאלגן א צדיק פון נאכגיין א צדיק. ביים רבי'ן האבן די תלמידים אמאל גערעדט איבער די גרויסע הילולא די חתונה וואס קומט פאר אין מירון אום ל"ג בעומר, האט זיך דער רבי אנגערופן אז עס איז אמת אז עס הערשט דארט א גרויסע שמחה, די חתונה ווערט דארט אפגעראכטן, אבער דער חתן געפונט זיך דא.





דער ראש ישיבה האט עס מסביר געווען, אז ווילאנג א צדיק איז אויף דער וועלט איז א גאנצער עסק וואו זיין גוף געפונט זיך, אבער נאכדעם וואס די נשמה פארלאזט דער גוף, געפונט זיך דער צדיק דארט וואו מען רעדט פון זיינע עצות, און מען פאלגט אים, ווייל דארט לערנט מען זיין תורה. דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "מוהרא"ש געפונט זיך דא מיט אונז, ווייל דא זאגט מען איבער זיינע ווערטער, און דא פאלגט מען אים, אלע לערנען אויף זיין דרך הלימוד, איבער וואס ער האט אזויפיל גערעדט דערפון."

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד דאווענען קבלת שבת, די אוויר איז געווען אויסטערליש פרייליך, יעדער האט זיך געפריידט אויף די זכיה פון קענען מיטהאלטן דעם דערהויבענעם שבת.

דערנאך איז מען געגאנגען צום עס זאל אפרעכטן די פרייטאג צונאכטס סעודה. ס'איז געווען זייער געשמאק צו זיצן מיט אנשי שלומינו ביים סעודה, שמועסן מיט אנשי שלומינו איז אזוי געשמאק און בא'טעמ'ט, עס איז פול מיט חיזוק און גוטע עצות.

דער ראש ישיבה האט געזינגען די שבת'דיגע זמירות מיטן עולם, ס'איז געווען ממש מעין עולם הבא!

נאכן סעודה איז מען אריבער צו א צווייטע זאל וואס דארט איז פארגעקומען די באטע. דער ראש ישיבה האט געזונגען עטליכע פרייליכע ניגונים און דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט עטליכע ווערטער פון התחזקות און גוטע עצות פארן לעבן, און דערנאך ווייטער געזונגען, אזוי עטליכע מאל.
דער ראש ישיבה האט אסאך גערעדט ביים באטע פון אמונה און מחזק געווען דעם ציבור, צווישן אנדערע האט ער געזאגט, עס שטייט "ויהי בשלח פרעה את העם", עס איז באקאנט אז "אין ויהי אלא לשון צער", האט דער ראש ישיבה געפרעגט וואס איז די ווייטאג אז אידן גייען ארויס פון מצרים?

האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז די גרעסטע ווייטאג איז אז מיר טראכטן אז פרעה לאזט ארויס די אידן פון מצרים, א מענטש טראכט, דער וועט מיר העלפן, יענער וועט שתדל'ן פאר מיר; נישטא קיין גרעסערע ווייטאג ווי א מענטש פארגעסט פון בעטן דעם אויבערשטן, עס ווערט נעבעך "נבוכים הם בארץ", מען בלאנדזשעט, ווייל "סגר עליהם המדבר" די מויל די מדבר איז פארשפארט.

אויך איז פארגעקומען די שלום זכר פון מו"ה יוסף פריעדמאן הי"ו און מו"ה ליפא שווארץ הי"ו.
סוף באטע האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו אז ער זאל מאכן א לייוו פאנעל מיט דער ראש ישיבה ער קען פרעגן פרעגן וואס ער וויל פון דער ראש ישיבה.

ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט דאס מיטצוהאלטן, אינגעלייט האבן געפרעגט אינטערסאנטע שאלות, וויכטיגע שאלות, אויך אסאך קאנטראווערסיאלע שאלות, אלעס האט ראש ישיבה געענטפערט בטוב טעם, אנגעזאפט מיט אמונה און חיזוק.

שבת קודש אינדערפרי איז פארגעקומען א שיעור אינעם סידור פון מוהרא"ש "עת רצון", דער ראש ישיבה האט

פארגעלערענט וואס מוהרא"ש שרייבט איבער די "שירת הים" אז מען דארף עס זאגן מיט גרויס שמחה, און אז ווען משיח וועט קומען וועט מען נאר זינגען און לויבן און זיך פרייען, און איבער דעם וואס מען דארף זיך דראפען מיט די שווערסטע נסיונות אבער מיר לאזן נישט אפ דעם אויבערשטן און די אמונה.

צו שחרית איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום עמוד, עס האט אדורכגענומען אלע ביינער, בפרט די קריאת התורה איז געווען גאר געשמאק און ווארעם. נאכן דאווענען ביים קידוש האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט סיפורי מעשיות די מעשה פון די חיגר וואס איז אנגעקומען צו א פלאץ ווי טאג און נאכט טרעפן זיך צוזאמען. דער ראש ישיבה האט זיך אפגעשטעלט ביים שטיקל ווי דער לבנה האט געפרעגט פארן זון וואס זארגסטו פרעמדע זארג?

דער ראש ישיבה האט פון דעם געמאכט א גאנצע שיעור פון נישט זארגן פרעמדע זארג, נאר זיך פארלאזן אינגאנצן אויפן אייבערשטן.
דער ראש ישיבה האט געזאגט, עס זאל נישט זיין קיין חילוק ביי א מענטש צי עס איז אים לעכטיג עס גייט אים גוט, אדער פארקערט, ער זאל אייביג זיין צופרידן. דערנאך האט דער ראש ישיבה ממשיך געווען איבער שלום בית ווי וויכטיג עס איז אז עס זאל זיין שלום אין שטוב מען זאל קענען זיין אן ערליכער איד.

דערנאך איז מען זיך געגאנגען וואשן צום סעודה וואס איז אויך געווען זייער געשמאק.
דער ראש ישיבה האט געזינגען פרייליכע ניגונים, עס איז געווען געשמאקע שיחות חברים מיט אנשי שלומינו.
אינמיטן סעודה האט דער דיין שליט"א אויפגעטרעטן, און גערעדט איבער די קדושה פון יוסף הצדיק ווי ער האט זיך דערהאלטן מיט אלע נסיונות אין מצרים, און זיך אויפגעשטעלט נאך יעדע דורכפאל. נאכמיטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט צו די קינדער ביי חברת תהלים, און זיי פארציילט די מעשה ווי דער רבי האט געבעטן זיין אייניקל זאל מתפלל זיין אויף זיין געזונט, און דער רבי האט זייער מפליא געווען די פשוטע תפלה פונעם קינד "רבונו של עולם לאז מיין זיידע זיין געזונט".

אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט איבער די חשיבות פון יעדע קליינע זאך וואס א איד טוט היינטיגע צייטן, ווי דער הייליגער אריז"ל האט געזאגט פאר זיין תלמיד רבי חיים וויטאל זי"ע אז אין עקבתא דמשיחה וועט מען נישט דארפן קיין תעניתים און סיגופים נאר יעדע קליינע זאך וועט מאכן גרויסע תיקונים, אזוי אויך האט דער רבי געזאגט אז עס וועט נאך קומען א טאג וואס א פשוטע איד וועט זיין א חידוש ווי דער בעל שם טוב זי"ע, און מוהרא"ש זי"ע האט געזאגט אז דאס גייט ארויף אויפן היינטיגן דור.

שפעטער איז מען געגאנגען דאווענען מנחה און גלייך דערנאך זיך געגאנגען וואשן צו שלש סעודות. נאך שלש סעודות האט דער ראש ישיבה געמאכט הבדלה און מ'איז געגאנגען צו אבות ובנים.

אבות ובנים איז געווען זייער געשמאק



מ'האט פארטיילט געשמאקע פרייזעס פאר אלע קינדער וואס מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו האט מנדב געווען. חוץ פון דעם איז אויך פארגעקומען מעכטיגע הגרלות פאר אלע קינדער. מיינע קינדער האבן שטארק געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן געווינען און שכח אייבערשטער ביידע מיינע קינדער האבן געווינען גוטע פרייזעס.

נאך אבות ובנים איז פארגעקומען די דערהויבענע מעמד סיום כתיבת האותיות פארן ספר תורה וואס די גאנצע קהילה האט געשריבן לעילוי נשמת מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, און גלייך דערויף איז פארגעקומען די פייערדיגע הכנסת ספר תורה אין בית המדרש פון די ראלי האטעל. די פרייליכע טענץ צוזאמען מיט אנשי שלומינו וועט נישט אזוי שנעל פארגעסן ווערן, מען האט געטאנצן און זיך געפריידט מיט די תורה, אלע האבן געשפירט אז מען האט א ספעציעלע חלק אין די תורה.

דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודת מצוה - די יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע. ס'איז געווען צוגעשטעלט א הערליכע מלוה מלכה מיט א שיינע פראגראם.

עטליכע אינגע בחורים תלמידי היכל הקודש האבן מסיים געווען גאנץ ש"ס ביים סעודה, אויך האט מען געהערט דרשות פון מו"ה שבתי מארקוס הי"ו וואס האט זיך אוועקגעגעבן פאר די ספר תורה בלב ונפש, פון אני הקטן, פון מו"ה יואל לעווי הי"ו גבאי היכל הקודש בני ברק, און פון מו"ה אהרן פיש הי"ו וואס איז געשטאנען בראש פונעם אנשי חיל קאמפיין מיט גרויס געטריישאפט.
דערנאך האט מען געהאט די זכיה צו הערן הייליגע ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט צווישן אנדערע געזאגט אז מען האט געשריבן א ספר תורה לע"נ מוהרא"ש זי"ע, וואס איז זייער פאסיג, ווייל מוהרא"ש פלעגט זאגן, אז סוף כל סוף דארף יעדער אוועקגיין פון דער וועלט, דער וואס פאלגט דעם רבי'ן ער האט זוכה געווען דורכצוגיין ש"ס נ"ך פוסקים און אזוי ווייטער, וועט מען דאן טראגן א ספר תורה אינעם ארון, אבער דער וואס וויל פארשטיין צי מען האט יא געהאלטן דערפון צי נישט, הייסט עס לערנען אדער נישט, גייען נעבעך דורך זיינע יארן פוסט און לער, און דאן וועט מען נעבעך פירן א נבילה אינעם ארון...

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען מיטהאלטן אזא דערהויבענע שבת מיט דער ראש ישיבה אין אנשי שלומינו.

די זאך פון וואס איך האב די מערסטע הנאה געהאט פונעם שבת איז די פארברענגען מיט אנשי שלומינו, דאס איז עפעס פון וואס איך האב אויסשטערליש הנאה געהאט. איינע פון די זאכן וואס איך האב געהערט פון אנשי שלומינו וואס האט מיך מורא'דיג געכאפט איז דאס וואס מען האט געשמועסט וועגן די שיינע ארטיקל פון די מפיצים וואס איז געווען באשריבן אינעם בלעטל. האט זיך איינער אנגערופן אז מרדכי לייב איז זיין סעלעבריטי, ער האט פון אים א געוואלדיגע חיזוק אנצוגיין - דאס האט מיך זייער געכאפט! דאס אלעס איז ממש אויפן שפיץ גאפל, וואס ס'האט זיך אפגעטון ביי דעם שבת, פארשטייט זיך אז עס איז געווען אסאך אסאך מער פון דעם, וואס אויב וואלט מען דאס אפגעשריבן וואלט עס אנגעפילט אסאך בלעטער, אבער דער רבי האט געזאגט אז אביסל איז אויך גוט, וועלן מיר זיך ביזעדרווייל באגענוגען מיט אביסל.



# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*




## צדקה בייטלעך

אלע וואס האבן א צדקה בייטל און ווילן איבערגעבן די געלט פארן ראש ישיבה קען מען עס איבערגעבן פאר מו"ה ישראל פוקס הי"ו.

845-720-2560

## אפיסעס צו דינגען

הערליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פארדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.

פאראינטערסירטע רופט אדער טעקסט
646-462-8189




א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג 347-461-2244

יואל וועבערמאן - 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה - 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן 845-492-0566

ראובן בירנבוים 347-549-5625

גרעסעדע דירה - 917-541-1197



# א מעשה
## פון א צדיק

### מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט גֵיין יֶעדֶע פְרַייטָאג צוּ נַאכְט'ס צוּם שִׁיעוּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס פְלֶעגְט גֶעבְן. אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, אוּן וֶוען דִי פְרוֹי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ, אוּן דִי לִיכְט הָאבְן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלָאשְׁן. אִיר מַאן פְרֶעגְט אִיר: "וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?" זָאגְט זִי: "בַּיים שִׁיעוּר"; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעֲסָן, אַ לֵץ; זָאגְט עֶר אִיר: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, נָאר אַז דוּ גֵייסְט שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַּרְשָׁן", אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר.

דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ בְּלַייבְן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אֵיידֶער צוּ גֵיין מְבַזֶה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס'. זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבֶרְ'טֶע שְׁלָאפְן. אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיגְן בְּרֶענְט אִים, אוּן וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין זָאל קוּמֶען. (אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא רְפוּאָה, אַז מֶען פְלֶעגְט אַרַיין שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן אוֹיג אוּן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן). הָאבְן דִי חַבֶרְ'טֶעס גֶעזָאגְט פַאר דִי פְרוֹי: "גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רֶבִּי מֵאִיר'ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר". אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען, אוּן רֶבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט אִיר: "קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין?" הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: "דֶעמָאלְט שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין אוֹיג, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְן אַ רְפוּאָה", הָאט זִי אַזוֹי גֶעטוּן. זָאגְט אִיר רֶבִּי מֵאִיר: "גֵיי אַהֵיים, אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפֵּייעֶן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן נִישְׁט אֵיין מָאל, נָאר זִיבְן מָאל".



הָאבְן דִי תַּלְמִידִים גֶעכַאפְּט וָואס דָא אִיז גֶעוֶוען, הָאבְן זֵיי גֶעפְרֶעגְט זֵייעֶר רֶבִּי, "אִיז דָאס כְּבוֹד הַתּוֹרָה? פַארְוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְן רֶבִּי'ן, מִיר וָואלְטְן אִים גֶענוּמֶען אוּן אנגעהאקט דִי בֵּיינֶער, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַוייגְן אַזַאנְס צוּ טוּן?!" הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רֶבִּי מֵאִיר'ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן, אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ."

זֶעט מֶען פוּן דֶער מַעֲשֶׂה וָואס הֵייסְט מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: "זַיי מוֹחֵל פַאר דַיין וַוייבּ, אוּן קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר. גֶעבּ נָאךְ, דַארְפְסְט נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן, זַיי אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ, קוּק אוֹיף אִיר מִיט אַ גוּט אוֹיג". דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם; וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם דָארְט רוּהְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(עצתו אמונה משפטים תשע"ז)



# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - מ"ה -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דִי וַוייבּ פוּנֶעם אַרֶענְדֶער וֶוערְט קְרַאנְק, אוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶערְס פְּרוּבִּירְן אִיר זַייעֶר צוּ הֶעלְפְן מִיט דָאקְטוֹרִים, נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט זֵיי אַסַאךְ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן, צוּם סוֹף הֵיילְט אִיר דֶער רֶבִּי אוֹיס מִיט דִי כֹּחַ פוּן צְדָקָה.

* * *

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָדָר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן זַיין פֶערְטֶע טָאכְטֶער, עֶר הָאט אִיר אָבֶער נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין נָאמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת וִוי סְ'אִיז אַיינְגֶעפִירְט.

סְ'אִיז אַרִיבֶּער אַ וָואךְ, אוּן נָאךְ אַ וָואךְ, אוּן עֶר הָאט אִיר נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין נָאמֶען. דַאן אִיז ר' חֵייקְל, דֶער חַזָן פוּן רֶבִּי'ן, אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט, "רֶבִּי, דִי וֶועלְט וֶועט שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ וָואס צוּ רֶעדְן. קַיין נָאמֶען גֶעבְּט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט?!".

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עַקְשְׁנְ'ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "זָאל זִי הֵייסְן חַיָה". אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן מְ'הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען חַיָה.



אִין יֶענֶעם טָאג וָואס מְ'הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי יְדִיעָה צוּם רֶבִּי'ן פוּן שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ אַז זַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן. דֶעמָאלְט הָאבְּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוַוארְט מִיטְ'ן גֶעבְן דֶעם נָאמֶען, וַוייל עֶר הָאט אִיר גֶעוָואלְט אַ נָאמֶען גֶעבְן נָאךְ זַיין מַאמֶע.

דַאן הָאט ר' חֵייקְל שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אַלְץ אַרַיינְמִישְׁן בַּיים רֶבִּי'ן?".

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אָדָר, אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, דִי צַדֵיקֶת מָרַת פֵיגָא.

פַאר פֶּסַח אִיז דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אִין אַ גַאסְט הוֹיז הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר הֶערְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט וואוּ עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט.

עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי אוּן אִיז גְלַייךְ גֶעפָארְן וַוייטֶער צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף, מִיט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן אִים, עֶר הָאט אָבֶער גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צִיטֶערְנִישׁ, אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן חַלָשׁוּת, מְ'הָאט אִים קוֹים גֶעקֶענְט עֶרְוֶועקְן מִיט גְרוֹיסֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן.

דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן קְרַאנְקְן בֶּעט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען אַבִּיסְל זוּפּ אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן, אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "הַיינְט הָאבּ אִיךְ מְשַׁמֵשׁ גֶעוֶוען אַן אֶמֶתְ'עֶר תַּלְמִיד חָכָם!".

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי יִצְחָק אַייזִיק דָארְט נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

זוּנְטָאג, אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח, כ"ב נִיסָן, אִיז גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דֶער קֵייזֶער פָּאוּל, אוּן מְ'הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער גֵייט אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי מְלוּכָה, אַלֶכְּסַנְדֶר אָדֶער נִיקָאלַיי. אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְק רֶעלִיגְיֶעזֶער אוּן אַ שְׁטְרֶענְגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה פַאר דִי אִידְן אַז עֶר וֶועט זֵיי רוֹדְפְ'ן. אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גֶעוֶוען מֶער אַ פְרֵייעֶר, וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ טוֹבָה פַאר אִידְן אַז עֶר וֶועט זֵיי נִישְׁט פַּיינִיגְן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ רוּחְנִיוּתְ'דִיגֶע סַכָּנָה פַאר אִידְן, וַוייל עֶר וֶועט עֶפֶענֶען דִי גוֹיִ'אִישֶׁע שׁוּלֶעס אוֹיךְ פַאר אִידְן, אוּן דָאס קֶען אַרָאפְּפִירְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן וֶועג רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט חִילוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן דִי צַדִיקִים פוּן דוֹר וֶוער סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ וֶוערְן קֵייזֶער.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# מיין הויז



ישראל דוד העסקעל

## פרייטאג

נאכמיטאג פ ר ש ת משפטים תשפ"ג - פונקט א יאר צוריק - זיין איך ביי מיר אינדערהיים אין סטעמפארד הילל און איך פארברענג מיט מיין חשוב'ער שוואגער וואס איז געקומען אויף א נסיעה מיט באבובער רבי שליט"א קיין לאנדאן לכבוד פרשת שקלים.

מיר זיצן און פארברענגען אינאיינעם געשמאק, איך האב אים סערווירט א פיינע טועמיה. מיר הייבן אן שמועסן פון דעם און פון יענץ, וואס טוט זיך מיט פרנסה מיט מיין דזשאב און אזוי ווייטער...

אביסל האבן מיר גערעדט פון לאנדאן (ער האט געלערנט אין ישיבה אין לאנדאן אלס בחור) וויפיל זאכן האבן זיך געטוישט זייט דעמאלט, יענע בית המדרש פלעגט זיין אויף דער גאס, און דא איז געווען יענע ישיבה. דארט פלעגט זיין א גוי'אישע געגנט און היינט איז עס אינגאנצן פאר'אידיש'ט געווארן...

דא אין טאטעטענהעם וואו דו וואוינסט וואלט איך זיך נישט געוואגט צו




שפאצירן פאר פופצן יאר צוריק און קוק אן היינט איז אלעס אזוי אידיש!

ביים סוף שמועס געט ער מיר א פרעג: לאמיר דיר פרעגן איך זע דו האסט גאנץ א פיינע הויז דא, איז דאס דיינס?

הא הא! מיינס?! ניין! איך קען נישט קויפן א הויז - הלוואי וואלט עס געווען מיינס....

נישט דא אזא זאך! קיינער קען נישט קויפן א הויז.... וואס מיינסטו מ'שפרינגט אריין! דו מוזט קויפן א הויז, יעצט איז די צייט. די קינדער זענען נאך אינג די הוצאות זענען נישט אזוי גרויס, יעצט טאנץ אריין, קוק נישט אויף גארנישט און קויף!

איך מאך מיט דיר א געשעפט זאג איך אים, דו ווייז מיר וואו צו טאנצן און איך טאנץ! איך בין פולקאם גרייט



אריינצוטאנצן דו וויז מיר נאר דעם לאך און איך טאנץ גראד אריין!

קוק אהער בין איך ווייטער מסביר בטוב טעם... איך פארמאג יעצט אין באנק א פינף אלפים דאס האב איך אוועקגעלייגט, לויט מיינע חשבונות וועט ביז נאך פסח נישט זיין מער קיין זכר פון די געלט (וכך הוה). מיין טאטע וואוינט נישט אין זיין אייגענע הויז, מיין שווער דעקט קוים זיין לעבן, איך פארמאג נישט דער חבר דער עושר וואס גייט מיר יעצט פארבארגן א דאון פעימענט פון דריי הונדערט פופציג טויזנט פונט! אויב טראכט איך פון בארגן, דאס מערסטע וואס איך קען טראכטן אז איך קען באוויזן צו בארגן איז אפשר א פופציגער, וואס וועט זיין פונקט גענוג צו קענען קויפן (מיט א מארטגעדש) א ד' על ד' גאראדזש...

'איך קען קיין הויז נישט קויפן' פיר איך אויס, ס'איז זייער איינגענעם צו זאגן טאנץ, אבער קריך אראפ פונעם בוים א מינוט און לאמיר רעדן רעאליסטיש - - ס'איז אוממעגליך!

'איך זאג דיר ווייטער אז מ'קען עס באווייזן' זאגט מיר מיין שוואגער, איך פארשטיי אויך וואס דו זאגסט אבער עס כל זה מיט אלע חשבונות זאלסטו וויסן אז מ'קען צו דעם אנקומען ס'איז נישט אזוי שווער ווי ס'זעט אויס.

פיין ס'ווערט שוין שפעט, באלד גייט שוין זיין שבת, שכח פאר אלעס איך וועל יעצט גיין, עמער זיין בקשר, גוט שבת גוט שבת.

ס'האט מיך זייער אנגעהויבן גריבלען, ער איז גערעכט איך מוז טאקע קויפן א הויז. דער ראש ישיבה זאגט אסאך מאל אז מוהרא"ש פלעגט שטארק שטופן די תלמידים זיי זאלן קויפן הייזער, ס'איז א וויכטיגע זאך צו קויפן א הויז.

אבער ווי הייב איך טאקע אן?

שכח אייבערשטער אז איך בין מקורב צו דער ראש ישיבה און איך ווייס פון די זיסע עצות וואס מ'באקומט פון רבי'ן. איך האב זיך פארגענומען צו לערנען יעדן טאג בית נצחי א דף בבלי א דף ירושלמי און פרק תוספתא וואס מוהרא"ש האט געזאגט אז ווער עס לערנט די לימודים בויעט ער פאר זיך א בית נצחי פאר יענע וועלט ווי אויך איז דאס א סגולה צו קענען האבן א הויז אויף די וועלט.

איך האב אנגעהויבן דעם לימוד און איך האב געזאגט פאר מיין ווייב מיט די גרעסטע שטארקייט אז ביז א יאר וועסטו זען מיר גייען האבן אונזער אייגענע הויז!

יעדן טאג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען קויפן אן אייגענע הויז אן צו דארפן בארגן א פעני פון קיינעם, נאר בלויז פונעם אייבערשטן, איך וויל צו קיינעם נישט דארפן צוקומען.

אזוי איז אריבער א תקופה'לע וואס איך האב שטארק אנגעהאלטן דעם לימוד


בארדיטשוב גאס



בית נצחי, איך האב קיין טאג נישט פארפאסט. אבער זאכן האבן זיך לאו דווקא גערוקט אז איך זאל אנהייבן זען אז עפעס רוקט זיך. אויב עפעס פונקט פארקערט, די רעיטס זענען אויסטערליש ארויף, וואס מיינט אז צו קענען קויפן א הויז וועל איך מוזן אראפלייגן סך א גרעסערע דאון פעימענט, און צאלן א גאר טייערע מארטגעדש, אויך זענען די פרייזן פון הייזער זייער געשטיגן.

פון די אנדערע זייט האט זיך נישט אנגעזען ביי מיר אז איך זאל מאכן עפעס מער געלט פון פריער, אויב עפעס פונקט פארקערט. ס'איז אריבער זייער א שווערע סעזאן, זאכן האבן זיך גארנישט גערוקט, אמונה אז דורכן לימוד בית נצחי וועל איך באקומען א הויז האב איך ווייטער געהאט, ווייל דאס האט א צדיק צוגעזאגט. אבער איך האב אנגעהויבן טראכטן צו זיך ווער האט דיר געבעטן צו זאגן אז ביז א יאר זיצטו אין דיין אייגענעם הויז? מע, ס'קוקט נישט אויס רעאליסטיש, יעצט זיכער נישט...

ס'איז אריבער א שיינע פאר חדשים, איך האלט א וואך פארן זיך ציען פון לאנדאן קיין ברסלב'ע שטעטל, איך שטיי מיט עטליכע חברים און מיר שמועסן וועגן די שטעטל, אלע האבן קשיות יעדער וויל פארשטיין וואו איז דאס? וויפיל מענטשן וואוינען דארט? ס'איז דא דארט געשעפטן? יעדער וואוינט צוזאמען? וויפיל בתי מדרשים איז דא דארט? ווי ווייט אוועק גייסטו וואוינען פונעם צענטער? און וואס טוט זיך מיט מוסדות? א חדר איז דא? אויך א סקול? דו קענסט איינעם דארט בכלל? איך קען נישט גלייבן אז דו גייסט עס טאקע טון!!!

סאו וואסערע הויז באקומסטו? דו דינגסט אדער קויפסט?

איך קויף אם ירצה השם!

וואאאאאאס? פון וואו האסטו געלט צו קויפן? ווי אזוי באווייזטו דאס?

און דא האט עס געקליקט אין מיין קאפ - איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א הויז! סימפל.

יא יא איך פארשטיי, אוודאי אלעס בעט מען דעם אייבערשטן, מ'רעדט דאך פון וואו טאקע? וואס איז די מעשה?

איך הייב אן טראכטן צו זיך - נא פון וואו טאקע? איך ווייס נישט! איך קען סך הכל נאכאמאל איבערזאגן איך האב געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג איך זאל קענען קויפן א הויז אן בארגן געלט איך האב נישט נאך אינפארמעישן צו שערן, דאס איז עס!

שכח אייבערשטער פאר די גרויסע ניסים וואס דו האסט מיט מיר געטון אז איך זיץ יעצט שרייבנדיג די שורות אין מיין הויז אן זיין שולדיג פאר קיינעם קיין דאלאר!

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען מקורב ווערן צו היכל הקודש און לעבן מיט די זיסע לעכטיגע עצות וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# ישועות פון תפילה

ח. וויל
בראכפעלד

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל שוין טרעפן א גוטע ארבעט, איך האב זיך נישט מייאש געווען כאטש וואס איך ווארט שוין מער ווי דריי חדשים.

שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן זייער א גוטע ארבעט, א כשר'ע ארבעט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זיין פרייליך מיט די ארבעט, און שכח אייבערשטער אז איך בין זייער פרייליך מיט די ארבעט!

אסתר
ליבערמאן
צפת

איינע פון די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו געבן א שיעור יעדע וואך.

איך האב געוואלט אהינפארן צו שיעור אבער איך האב נישט געהאט קיין וועג אהין.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען פארן, ווען פלוצלונג איינער פון די חבורה ד'צפת קלינגט אן מיין מאן פרעגן אויב ער קען אים נעמען מיט זיין ווייב צום שיעור און ער וועט צאלן די געז...

שכח אייבערשטער.

ד. רובינשטיין
קרית יואל

איך האב געווארט אויף די קלינינג לעידי און זי איז נישט אנגעקומען, איך האב אבער נישט אויפגעגעבן, עס האט אויסגעזען אז עס גייט שוין נישט געשען, האב איך אנגערופן די פרענד פון די לעידי און געזאגט אז זי איז נישט אנגעקומען, זאגט זי אז זי האט אינגאנצן פארגעסן צו זאגן פאר די לעידי אז זי דארף קומען.

אבער איך האב נישט אויפגעגעבן און איר געזאגט אז אלעס איז באשערט און עס איז נישט איר שולד, איך וועל מתפלל זיין פאר א קלינינג לעידי. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא האבן א גוטע קלינינג לעידי.

און וואונדער איבער וואונדער זי רופט מיר אן אז זי האט די קלינינג לעידי פונקט אין א גוטע צייט וואס איך דארף איר האבן, עס איז מיר געווען א גרויסע ישועה. איך וואלט געקענט אויפגעבן און טראכטן אז אויב עס איז נישטא היינט קיין קלינינג לעידי איז נישט, אבער איך האב נישט אויפגעגעבן און עס איז אנגעקומען די ישועה.

א גרויסן יישר כח.





845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

# אינעם שלאכט פעלד

מ. יוזשעף

אין שטוב שוין האלב טונקל,
יעדער שלאפט שוין ברוך השם אין זיין ווינקל,
ענדליך זעץ איך זיך שוין אראפ אויפן בענקל.

די וואסער טוט אויפגעקאכט ווערן,
א גוטע קאווע וועט נישט שטערן,
אפשר אויך אפאר פיינע צוגעהערן...

אפגעשוואכט,
זיץ איך אזוי און טראכט,
וואס האב איך שוין היינט געמאכט?

געוואלט אניאגן אזוי פיל זאכן,
אנהויבן אביסל פסח'דיג מאכן,
טוט נישט פון מיר לאכן.

נייען עפעס אויף פורים,
הערן אביסל שיעורים,
פאר די נשמה אזוי ווארעם.

גיין העלפן מיין מאמע,
באזוכן די עלטערע מומע,
אזוי לויפט ווייטער די רשימה.

פאר די קימפעטארן א מאלצייט,
אפשר אויך סעיל א נייע קלייד,
אזוי ציט זיך ווייטער די שאיפות קייט.

**אבער...**

בערך אזוי האט זיך די טאג אנגעפאנגען,
מודה אני, פון בעט אראפגעגאנגען,
צו די בעבי'ס זיסע געזאנגען.

געלאפן א באטי געבן,
אויפגעוועקט דעם גרויסן דערנעבן,
די איבריגע קינדער מאכן שוין דארט א לעבן.

איך טייל פליכטן פאר די קינדער,
ארויסטראגן נעגל וואסער געשווינדער,
נאכנישט אויסגעגאסן? א וואונדער!

פאר איינעם געשריבן א צעטל,
ארויסגענומען די קליינע פון בעטל,
צוגעמאכט פאר א צווייטן די מאנטל.

מאמי א לאך אין טייץ! שרייט פייגי,
איך לויף עס געבן א ניי צו,
פאר עס באקומט נאך א קליין צי...

פאר יעדן אריינגעלייגט עסן,
מיט א געבעט קיינער זאל גארנישט פארגעסן,
און צום באס זיך גענומען רייסן.

ברוך השם אלע זענען געזונטערהייט ארויס,
איך קום צוריק צום שלאכט הויז,
וואס זיי האבן אנגעיאגט אין איין שעה בלויז.

געגעבן א בליק אויף מיין בעט,
אוי! עס ציעט ווי א מאגנעט,
דאך געגאנגען שלאפן אזוי שפעט.

גענומען די סידור, עפעס א אידיש ווארט זאגן,
גלייך טוען מיר מיינע מחשבות אוועק טראגן,
וויפיל ארבעט איך דארף נאך היינט אניאגן.



געגאנגען קאכן, עס גייט שוין א רויער,
אייבערשטער געב פאר מיין מאן/קינדער כח,
און איך זאל בלייבן מיט א קלארן מח.

די וועש ווערט צאמגעלייגט,
מיט אפאר ווערטער צום באשעפער באגלייט,
אייבערשטער איך בין צו דיר מיט אזוי פיל דאנקבארקייט.

*

אזוי לויפט די זייגער שנעל,
די קינדער שטייען שוין ביים שוועל,
איך האב געמיינט אניאגן מער איך וועל.

ארויסגענומען מיט א פרישקייט שפילערייען,
אין אפאר מינוט אלעס טוט זיך איבערדרייען,
בארוהיגן געוויינען מיט קריגערייען.

*

6:30 יעצט קומט די עכטע,
שלאפן לייגן די שווערסטע מסכתא,
פאר זיך א גאנצע געשיכטע.

די קינדער זאגן מיט א געוויין,
נאר יעצט האבן מיר אנגהויבן שפילן שיין,
פארוואס דארף מען שוין שלאפן גיין?

א נס מיין מאן איז אהיימגעקומען,
ער האט דאך די שיינע לימודים באקומען,
ווען נישט וואלט איך די מלחמה נישט בייגעקומען.

און יעצט אפגעשוואכט,
געב איך זיך א טראכט,
שכח אייבערשטער אויף אלעס וואס איך האב "נישט" געמאכט.

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**און אז ס'איז גאר ביטער:**

א. אנטלויפט מען צום אייבערשטן
ב. איז מען שוין א געהאלפענער
ג. איז מען זיך אינגאצן מבטל
ד. רייכערט מען א לולקע

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: איך האב אזוי שטארק געוואלט האבן א זון וואס וועט

**גיין אין שול מיט טלית און תפילין!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**שמואל בירנבוים נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## טרעף די ווערטער

**איך וויל אייך מחזק זיין איר זאלט אלע זאגן יעדן טאג דעם יום תהלים, איר ווייסט דאך אלע אז דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה פלעגט יעדן טאג זאגן דעם יום תהלים, און אין די טעג פון שובבי"ם פלעגט ער זאגן דעם יום תהלים צוויי מאל א טאג; לאמיר זאגן דעם יום תהלים יעדן טאג, דאס וועט אונז ברענגען צו די גרעסטע דרגא.**

(עצות אמונה פרשת ויחי תשפ"ב)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | ס | א | פ | נ | ל | ב | ח | מ | ת | נ | ק | א | ז | ו |
| ת | ה | ל | י | מ | ד | א | י | ר | ה | ה | ס | ז | א | ד |
| ז | א | ל | ט | ר | מ | ב | מ | ו | י | ק | ל | ג | ג | ג |
| צ | ח | ק | י | ל | ב | ר | כ | ה | י | פ | ל | י | נ | ו |
| ט | ע | ג | ק | ו | ט | א | ד | ט | ל | ה | ל | נ | מ | ג |
| ח | ד | ז | ש | צ | ר | ר | ר | נ | י | ז | א | ג | נ | ר |
| ת | נ | י | י | כ | ע | י | ת | מ | ג | ד | ר | ק | ד | ע |
| א | ל | ע | ו | ד | מ | נ | ע | ר | ע | ז | ז | ע | א | ס |
| ע | ש | מ | מ | א | ד | ד | י | ב | ר | ח | א | ט | ל | ט |
| ת | ו | פ | ל | ע | ג | ט | כ | י | מ | ג | א | ג | א | ע |
| י | ה | מ | י | כ | ח | י | י | ז | א | ו | כ | י | נ | ג |
| פ | ל | ל | א | נ | י | ע | ר | נ | ר | י | ב | ע | כ | ז |
| ש | ל | ד | י | א | ט | א | ז | ת | ר | פ | נ | ד | ו | ל |
| ע | י | ע | מ | מ | ג | ד | ע | ז | י | י | נ | נ | ע | נ |
| ד | ח | ע | ג | ר | מ | ל | ע | ו | י | י | ו | מ | ע | מ |
| א | ד | י | ד | ט | א | ג | ל | ו | ו | ע | ט | ג | ד | א |
| ס | ו | י | כ | נ | ל | ז | ו | י | מ | ח | נ | נ | ע | ח |
| ק | ב | נ | ו | נ | נ | צ | ו | ל | נ | ע | ו | ע | מ | ר |
| ל | ה | פ | ו | ו | י | י | ס | ט | ר | ת | ה | ל | י | מ |
| צ | ו | ט | א | ג | מ | ח | ו | ב | ז | כ | ר | ו | נ | ו |

## טרעף די וועג

ניַשט פארגעסן צו מאכן א ברכה פאר מ'נעמט עפעס אריין אין מויל!





## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד??






ענטפער פון פאריגע וואך

דער ראש ישיבה זאגט: "לערן יעדן טאג אביסל חומש, דאס איז די בעסטע לייף אינשורענס פאלעסי!"

## א שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**י. מִי שֶׁנִּזְהָר מִשְּׁבוּעַת שֶׁקֶר, בְּוַדַּאי לֹא יַעֲבֹר עַל "לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר".**

דֶער וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁוֶוערְן פַּאלְשׁ, וֶועט זִיכֶער נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן נְקָמָה נֶעמֶען אוּן אָנְהַאלְטְן אַ פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# טרעף די חילוקים

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





פאר מען נעמט זיך עסן,
"א ברכה" נישט פארגעסן!

# עצת אמונה
בחינה

## עצת אמונה פרשת יתרו תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

2.בעיקר זאלסטו זיך פארלייגן ארויסצוגעבן וואס מער ספרים פאר _____

4.דער ___ האט אונז געלערנט דינען דעם אייבערשטן בתמימות ופשיטות

5.א _____ האט רשות נאר צו אויסהיילן, נישט צו דערשרעקן

7.אז מען היט די _____ איז אזוי גוט און אזוי זיס.

9.וואויל איז דעם מענטש וואס פארשפרייט די זיסע עצות פון רבי'ן פאר אנדערע, דער איז מקרב די _____

11.זיי מגלה ומפרסם דעם הייליגן _____ פאר אלעמען

12.מען דארף גלייבן אין די ווערטער פון א _____

### פון אויבן אראפ

1.דער _____ וועט שיקן זיינע מלאכים אייך צו שטארקן

3.ווען מען הערט א מעשה פון א צדיק, ווערט מען אויפגעפלאמט און מען באקומט א מורא'דיגע חשק צו ווערן אן _____ ____

5.אז א איד ער גייט אין שול _____ איין תפילה מיט מנין ווערט ער א נייע ברי', עס איז נישט דער מענטש פון פריער

6.אז מען טובל'ט זיך אין _____ איז מען מבטל אלע צרות און מען איז זוכה צו א ישועה

8.א פרוי מיט אביסל חכמה קען מאכן איר שטוב א ___ ____

10.דער רבי' האט עצות און חיזוק פאר אלעמען, אפילו ווער עס איז אראפגעפאלן אין גראבע _____



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצת אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצת אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

# קינדער טאלאנט



אליעזר שלמה און נחמן יצחק
קרויס פון ביתר




אדי, יוטי און שרי שטיינבערג



גאלדי לאקס קרית ברסלב



אליעזר שלמה לעססער
- קרית ברסלב



יודא כץ - טווין טויערס



אליעזר שלמה שטיינבערג -
טו בשבט



חוה לאה פערל ירושלים



בית פיגא טבריה



פייגי פינטער - קרית ברסלב
פורים מאסק

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

רבקה אפפלדארפער תחי' - קרית ברסלב










שכח אייבערשטער איך האב
געטראפן ביי פערלעס א נייע SKIRT

אולה לווינזון תחי' - ירושלים









# בילדער

## אפטיילונג









יארצייט סעודה פון מוהרא"ש זי"ע אין מאנטשעסטער
מוצש"ק בשלח תשפ"ד






מען לייגט אריין די נייע ספר תורה אין ישיבה
א' יתרו תשפ"ד



לחיים נאך שחרית אין ישיבה לכבוד די ערשטע קריאה
אינעם נייע ספר תורה לע"נ מוהרא"ש - ב' יתרו תשפ"ד




חמשה עשר בשבט אין כתה ו אין שטעטל




קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט כולל היכל הקודש
אין שטעטל - א' יתרו תשפ"ד



קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט"א צוזאמען מיט די בחורים
פון ישיבה אין שטעטל ביים לעמענעיד גראסערי



קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אינעם אפיס פון
מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו אין שטעטל



קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אינעם אפיס פון
מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו אין שטעטל



שיעור בהלכות טהרה אין שטעטל
דורכ'ן דיין שליט"א



קרעדיט: נח לוין

בית המדרש היכל הקודש אין אלעד - מיט גליונות
גרייט צו מפיץ זיין אין אלע שולן פון שטאט






סיום צווייטע מאל 101 מאל מסכת תענית דורך הבה"ח
שלמה צבי פערל אין ישיבת היכל הקודש ירושלים





קרעדיט: יוסי פרערויא

ברית לבן מו"ה יוסף פריעדמאן הי"ו אין ישיבה
ג' יתרו תשפ"ד



קרעדיט: מרדכי ראזענפעלד



חתונה פון החתן שלום אלי' ב"ר שמואל לייב פעלבערבוים
הי"ו עב"ג בת ר' מרדכי אינדיג הי"ו אין ישיבה





קרעדיט: שמעון פיש

דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די
בחורים פון די שטעטל ישיבה - ד' יתרו תשפ"ד



קרעדיט: שמעון פיש



שיעור לילי שישי פרשת יתרו אין בארא פארק


קרעדיט: שמעי'ה וואקס


קרעדיט: שמעי'ה וואקס

דער ראש ישיבה שליט"א ביים איבער קוקען די ספר תורה וואס איז צוריק געקומען פון סופר


קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: שמעי'ה וואקס


קרעדיט: שמעון פיש



קביעת מזוזה ביים נייעם סטודיא פון מו"ה ליפא בראך הי"ו





דער ראש ישיבה שליט"א ביים אריין זינגען א ליד אין דעם נייעם סטודיא



Free Delivery with minimum order
MID WINTER
SALE
פון זונטאג ביז פרייטאג תרומה
15%
STOREWIDE
קרית ברסלב
ספרים
& judaica
אפען טעגליך
9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג
9:00 צופרי ביז א האלבע שעה
פארן זמן
מוצאי שבת
א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00
שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער
ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס
347.578.4449
51 Twin Bridge Rd. Liberty N.Y. 12754 left side entrance